285

הוצאת ל. עפעל

# אַ איבּערבּליק

## וועגען

# דעם שקל

אור פניך עלינו אדון נשא
ושקל אשא בבית נכון ונשא.

דיין ליכטיגען אנגעזיכט ערהייבּע
הערשער אויף אונז .

אונ דעם שקל וועל איך
צוטראגען צום וויכטיגען אונ
ערהייבּענעם בנין .

(פיט מוסף פ"ב).

ווילנא

דפוס ש. פ. גארבער

תרס"ד

А ИБЕРБЛИКЪ ВЕГЕНЪ ДЕМЪ ШЕКЕЛЪ.

О значенія шекела.

Изданіе Л. И. Эпеля.

Вильна. Типографія Ф. Гарбера, Завальная ул. д. № 2006.
1903.

# אַ איבּער בליק וועגען דעם שקל

דער שקל איז אַנאלטע מטבע אין אונזער פאלקס לעבען, אונזערע זיידעס נאך אין דער מדבר האבען שוין געצאהלט יעדערער דעם שקל, אום מען זאל גענוי וויסען דעם צאהל פון אידען; אויך אין צייט פון צווייטען בית המקדש האבען אלע אידען געצאהלט דעם שקל — אבצאהל, אט דער שקל־שטייער איז געווען גלייך פיר אללעמען, עס האבען געצאלט גרויסע און קליינע, אָרעמע און בייכע, אומעטום, אין ארץ ישראל — און אין חוץ לארץ; איינע גלייכע מטבע פאר יעדער אידען, ניט איינער מעהרער און ניט איינער ווייניגער, אין דער מדבר האט מען פון דעם באחאד געבויט דעם משכן מען האט געלעגט די שוועלען און פונדאמענט און די קליינע קרוצקעלעך, וואס האבען צו־זאממענגעבונדען און צוזאממענגעשטעלט דאס היילי־גע געביידע, אין צייט פון בית המקדש האט מען מיט דאס געלד אויסגעהאלטען דעם „קרבן תמיד" און דאס געלד וואס פלעגט זיך נאך אבשטעלען פלעגט מען דאס פערניטצען אויף „בדק־הבית", צו באלטען אין אָרדנונג דאס היילינע הויז און צו פערזיכערען די מויערען און פעסטונגען — געגען די שונאים: דער „קרבן תמיד איז געווען א קרבן צבור א קרבן פאר דעם גאנצען פאלק, וועלכען מען פלעגט מקריב זיין אום צו מכפר



SC

Дозволено Цензурою 2 Іюня 1903 г. Вильна.

HEBREW UNION COLLEGE · JEWISH INSTITUTE OF RELIGION · LIBRARY · CINCINNATI, OHIO

זיין אום צו פערגעבען די זינד פאן דאס גאנצע אידעשע פאלק.

אין דעם הייליגען תלמוד ווערט ערצעהלט אז ווען איינער האט געוואלט דאמאלסט געבען א גרעססערע נדבה צום קרבן תמיד האט מען דאס ניט גענומען, ווייל די חכמים ז"ל האבען באן בעשטימט, אז די זאך, וואס ווערט געטהון פאר דעם גאנצען כלל מוס דאס געלד דערצו גענומען ווערען פון דעם גאנצען כלל און א גלייכע מאס פון אללעמען אהן אויסנאהמע, נישט א יחידי, נישט א איינצעלנער מענש קען טאהן פאר א גאנצען פאלק נאר דער גאנצער צבור אללע דארפען נעמען א-אנטהייל אין א פאלקס-ענין.

געוועהנטליך איז געוועזען דער שקל-שטייער ניט נאר א רעליגיעזער-שקל, נאר ער איז אבער אויך געוועזען א נאציאנאלנער שטייער, דען ער האט פעראייניגט דעם אידעשען פאלק אין איין קערפער, ווי אין אמונה — אזוי אויך אין פאליטישען פאלקס לעבען. אלאנגע צייט האבען אידען געצאהלט דעם שקל און דער שטייער איז געוואהרען פערהייליגט, און עס האט זיך טיעף איינגעווארצעלט ביין אידען אין הארצען, אזוי שטארק, אז אפילו אין שפעטערדיגע צייטען שוין נאכ'ן חרבן בית שני, אין אזא צייט ווען מען האט געוואהנליך ניט געהאט וואו מקריב צו זיין דעם "קרבן-תמיד" האט די אידעשע פאלק אויך ניט אויף געהערט צו צאהלען דעם שקל און באן פלעגען אללע אידען אבשיקען דעם שטייער-קיין "יבנה" אויף הוצאות פון אנייע סארט עבודה אויף א קולטורנע ארבייט, דען דארטען איז געוועזען א גרויסע ישיבה וואו עס האט זיך ענטוויקעלט דער יודישער גייסט און אויך די אמונה; דעם שקל האט מען געצאהלט נאך א לאנגע





צייט און ווען זאגאר די רוימישע רעגירונג האט באן גוזר געוועזן, מען זאל אביין טראגען דעם שקל-דאחאד אין די קייזערליכע-קאססע, אויף הוצאות פון זייער אמונה האבען אידען געצאהלט 2 שקלים, דען עס איז קיינעם ניט איינגעפאלען אויפצוהערען צאהלען דעם שקל פאר יבנה און מען האט געצאהלט ביידע שקלים איינעם פאר די מלוכה און איינעם פאר אידעשע אינטערעסען, א לאנגע און דויערהאפטיגע צייט.

די צייטען האבען זיך געענדערט, מיר אידען זיינען בעו"הר אין גלות שוין באלד 2 טויזענד יאהר, מיר זיינען צו-זייעט און צושפרייט אין אללע עקען פון דער וועלט, די אידעשע נאציאן איז געווארען מיט דער צייט צוריסען און עס איז ניט געוועזען וועמען מען זאהל אבצאהלען דעם שקל, דען עס איז נאר ניט געוועזען קיין אינטערעס פיר דעם שקל-שטייער, און עס איז איצטער געבליבען מעהר ניט א אנדענקען דערפון, דאס איז דער אלטער מנהג צו צאהלען פורים א מחצית-השקל, וואס דאס געלד ווערד פארניטצט פאר ארעמע לייט, דאך איז דער מנהג זעהר וויכטיג, דען דאס בעווייזט, ווי שטארק זיינען איינגעווארצעלט ביי אידען די אלטע מנהגים און ווי פעסט איז דער איד אין האפפענונג אז מיר וועלען אי"ה אויפגעבויט ווערען אין אונזער הייליגע לאנד.

נאך א לאנגע צייט פון שלאפען האט זיך ווידער דער וועקט דער אלטער געדאנק פון שיבת-ציון מען האט געמאכט חברות צו קלייבען געלד אום צו גרינדען קאלאניעס אין ארץ ישראל און ענדליך האבען אידעשע נאציאנאליסטען פעררופען אידעשע גרויסע מענשען צום וועלט קאנגרעסס און מען האט

ווידער אויפגעשטעלט דעם אלטען „קרבן–צבור" דאס זארגען און ארבייטען פאר דעם גרויסען יודישען נאציאן אום צו דער וועקען און אבצומונטערען דעם פערשלאפענעם און צושלאגענעם אידעשען קערפער; דא האט מען זיך דערמאהנט אן דעם אלטען שקל–שטייער דעם אלטען אידעשען אבצאהל, די שקל–הכנסה דארף ווידער ווערען פערווענדעט, ווי אין די אמאליגע צייטען צו לעגען דעם פונדאמענט, די שוועלען, פון די היילינע געביידע דעם בנין פון ישראל אויף דער היילינע לאנד, דער אלגעמיינער שקל–אבצאהל דארף ווידער פעראייניגען אללע אידען צו איין עבודה, צו איין אינטערעס צו איין אמת׳ן קרבן–צבור דאס איז די וויכטיגע מטבע, וואס דארף אונז פערשאפען די מיטטעלען צו פיהרען די ארבייט, צו בעקאמ־מען, אונזער שטרעבען און פערלאנג.

יעדער ארבייט פאדערט דאך געלד, א פשיטא אזא פאלקס–ארבייט ווי די ציוניסטישע בעוועגונג, וואס אונזער ארבייט איז אין אללע עקען פון דער וועלט וואס מיר דארפען אגיטירען פון אינערן און אויסווענדיג–; צווישען אללע אידען דעם רעיון צו פערשפרייטען, און אויך בעקאנט מאכען פאר די גאנצע וועלט פון אונזער רעיון און בעשטרעבונג, אין וואס מיר דארפען אנווענדען אללע קרעפטען צו טהון די פאליטישע שריט פון ציוניזמוס.

דער שקל איז דער ריין גילייטערטער בוימאל, מיט וועלכען מען דארף דיא ציוניסטישע מאשינע אפט בעשמירען אום לייכט און שנעל צו טרייבען דעם גאנג עס זאלען זיך קענען דרעהען אללע רעדלאך און שבייפלאך פון די מאשין.





גאר אן א אבהאלט; דער שקל געהט אויף הוצאות פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, אום צו ברייננען די יודישע שיפעלע צו איהר היילינען ציעל.

ארץ ישראל געפינט זיך שוין א לאנגע צייט אין רשות פון די טירקיי און ווען מיר האבען לוסט צו בעקומען צוריק דאס היילינע לאנד, דארפען מיר דאך א פריער ריידען מיט די טירקישע רעגירונג, מיר דארפען בעפאר פארלעגען און פארשטעללען אונזער פערלאנג פאר די טערקישע רעגירונג, און דאן איהר אויפ־ווייזען מיט געוויסע פאקטען, אז דאס אידעשע פאלק קען ברייננען גרויסע נוטצען פאר טירקיי, און אויך איבערצייגען, אז דאס יודישע פאלק קען מיט דער צייט פארבעסערען דעם עקאנאמישען און מאטעריאלישען בעשטאנד פון טירקיי.

אבער ווער וועט ריידען, ווער וועט דאס פארשלאגען פאר די טירקיי? דער פארשטעהער פון אידעשען פאלק דארף דאך האבען צו דעם א כח הרשאה, א פאלמאכט פון אידעשען פאלק וואס זי בעווייזט, אז מען איז אופאלנאמאצעט ריידען מיט דער טירקיי אין נאמען פון דאס גאנצע אידעשע פאלק און מען האט דאס רעכט אבצושליעסען אבמאכונגען, קאנ־טראקטען און קאנצעסיאנען, ווען עס וועט קוממען די גליקליכע צייט;–אבער וועמען און ווי–אזוי קען געבען דאס יודישע פאלק אזא פאלמאכט? נאטירליך, וועהר ריכטיג וואלט געווען מען זאהל אופשרייבען אזא פאלמאכט, און אללע אידען זאהלען חתמענען אויף דעם פאפיר און א חתימה וואלט מען אפשר לייכטער און גיכער געקראגען און אפשר גאר פון אללע

אידען גאר אהן אויסנאהמע, איידער געלד קריגען, אבער איז דען מעגליך אזא פאלמאכט, עס פערשטעהט זיך זעלבסט, אז עס איז אנאומעגליכע זאך; אידען זיינען דאך צו שפרייט און צו ווארפען אין דער גאנצען וועלט, און דארום איז ניט מעגליך אזוי לייכט מיט אלעמען זיך אויספריידען מען דארף דאך אבער פארט אזא פאלמאכט; זא האבען אידעשע נאציאנאליסטען אונזערע ברידער-ציוניסטען, געפינען א פלאן, א מיטעל דערצו, און ווירקליך די ציוניסטען קענען מיט רעכט זאגען, אז זיי זיינען די איינציגע אידען פון דער לעצטען צייט, וואס ברייגען און אפפערין דעם "קרבן צבור" אויף דעם מזבח פון ליעבע צום אידעשען אומגליקליכען נאציאן, דאס זענען די איינציגע טרייע קינדער, וועלכע זוכען א פלאן ווידער אויפצושטעלען דעם געפאלענעם בנין, אויסהיילען די גרויסע וואונדען פון אידעשען כלל און צו בויען א הויז און א זיכערע היים, אז דאס אידעשע פאלק זאל קאנען לעבען רוהיג און צופרידען. און כדי אום צו פיהרען דעם ציוניסטישען פלאן האט מען פאררופען די בעסטע קרעפטען פון אידען „צו א גרויסע אסיפה" צו א אידעשען „וועלט-קאנגרעס" און דארטען האט מען בעשטימט דיא באזעלער פראגראם, וועלכע זאגט אויסדריקליך, אז אללע אידען דארפען שטרעבען מיט אללע כוחות צו גרינדען א זיכערע היים אין ארץ ישראל, און דער היינטיגער שקל איז דער סימבאל, די פאהן פון אונזער שטרעבונג, ווייל צום אויספיהרען די באזעלער פראגראם דארף מען האבען-גרויסע געלד-קוועלען, א גרויסע הכנסה, דארום





האט מען בעשטימט אויף דעם ערשטען קאנגרעס, אז יעדער איד וואס איז איינשטימיג מיט דעם באזעלער פראגראם דאס הייסט יעדער איד וואס באגערט אז דאס יודישע פאלק זאל ווערען צוריק אויפגעבויט אין ארץ ישראל, זאל אבצאהלען יעדער יאהר א שקל, און אזוי האט מען אבגעפרישט דעם אלטען מנהג פון שקלים-צאהלען, ווי פארצייטען דארף דער שקל נוטצען צו פערשטארקען דיא אחדות דעם צוזאממענבונד פון אידעשען פאלק, ער דארף העלפען אויפצושטעלען איין אידעשען משכן, צו גרינדען א נייען אידעשען צענטער אין ארץ ישראל:

יעדער איד וואס צאהלט אב דעם שקל האט דאס רעכט אויסצוקלייבען דעלעגאטען (שלוחים) צום קאנגרעס צו די גרויסע וועלט-אסיפה פון אללע שקלים-צאהלערם, די דעלעגאטען אויפן קאנגרעס קלייבען פון זיך אויס דעם אקציאנס קאמיטע, דעם ועד הפועל, וועלכע זיינען די הויפט-פיהרער און פערוואלטער פון די ציוניסטישע בעוועגונג, אבער די קאנגרעסען ווערען אללע געמאכט פובליצינע, אפען פאר די גאנצע וועלט מען מוס דאך האבען, אז די גאנצע וועלט זאל מסכים זיין צו דעם ציוניסטישען פלאן:

אויף אזא ניאופן ווייס די גאנצע וועלט, אויך אללע רעגירונגען אז דער ועד הפועל איז דער ריכטיגער אופאלנאמאצעני פון אללע שקלים-צאהלערם, געוועהנטליך, וואס מעהר און גרעסער עס וועט זיין די צאהל פון די שקלים-צאהלער וועט ממילא זיין גרעסער און וויכטיגער די פאלמאכט

פון דעם ציוניסטישען אקציאנס־קאמיטע ס'איז דאך וויכטיגער צו ריידען אין נאמען פון מיליאנען מענשען, ווי נאר פון א קליינעם טהייל, פון איינציגע טויזענד מענשען.

אלזא דורך דעם אלגעמיינעם שקל־שטייער בעקומען מיר א ריכטיגען פארשטעהער א אופאלנאמאצענעם, וואס זאל ריידען פאר אידען ביי די טירקייא און אלע אנדערע רעגירונגען.

דעם שקל־שטייער דארפען צאהלען אלע אידען גלייך: דורך דעם שקל און דעם קאנגרעס ווערען צוזאממענגעצעפעט אלע רעדעלאך פון די גרויסע ציוניסטישע בעוועגונגס מאשין, אן די רעדעלאך צעפען זיך אן אלע איבעריגע אוצרעזדעניעס ווי די יודישע קאלאניאל־באנק, דער אידעשער נאציאנאלפאנד און אנדערע וויכטיגע זאכין.

קיינמאל דארף מען ניט פערגעסען. אז דאס שקלים־צאהלען איז די גרונדלאגע פון די ציוניסטישע ארבייט, דען נאר דורך דעם שקלים־צאהלען קען מען מאבען קאנגרעסען, וואס קלייבען אויס דעם אקציאנס־קאמיטע, דעם ציוניסטישען פארשטעהער.

נאר דער קאנגרעס האט נאך א גרעסערען וויכטיגקייט פאר אידען, דער קאנגרעס איז א פיינע זאך און פובליצנע בימה, א טריבונע, פון וואנענט דער איד האט דעם כח און די מעגליכקייט אויסצושרייען זיינע צרות און ליידען, אפען פאר דער גאנצער וועלט.

מיר זיינען דאך אין גלות צוזייעט און צושפרייעט אויף דער גאנצער וועלט, און מיר זיינען געווארען נאך צו אונזערע גרויסע ליידען, צוריסענע און צופליקטע גלידער, וועלכע





דער־קענען ניט איינער דעם אנדערין, אין פערלויף פון 1834 יאהרען, וואס מיר אידען זאגען אין גלות האט נאך קיין מאל ניט געטראפען, אז אידען זאלען זיך פרובען צוזאממען־פאהרען זיך צו אניאלגעמיינע פאלקס־אסיפה וואס זאל בעטראכטען ווי צו פערבעסערען די לאגע פון אידעשען פאלק איצטער ענדליך האט מען אנגעפאנגען צו פערבינדען און פעראייניגען די אידען פון ברייטען גלות, און דער ציוניסטישער קאנגרעס האט די מעגליכקייט אויף צוזאמלען אלע אידען פון אלע טהיילען וועלט אין איין ארט צו ריידען וועגען איין גיבאנקען, וועגען איין אינטערעס אויף דעם לעצטען קאנגרעס זאגען געקומען דעלעגאטען פון אמעריקא, אפריקא אויסטראליען אויך פון דעם חינעזישען גרעניץ אין אזיען פון אומעטום וואו עס געפינען זיך נאר אידען זאגען אלע געקומען צו פארען אלס דעלעגאטען אלס שלוחים אין נאמען פון שקלים־צאלערס פון די אידעשע נאציאנאליסטען, זיך צו בעראטען און צו רעשען, וועגען דעם מיטטעל, וועלכען מען דארף אנווענדען, אז אידען זאלען זיך קאנען אומקערען א היים אין דעם היסטארישען הייליגען לאנד.

אין די צייט פון פינסטערין גלות האבען מיר שוין פערלארען פיעלע ברידער אין גאנצען, וואס זיינען פערמישט געווארען מיט אלע פעלקער, און פיעלע ברידער האבען אנגעווארען דעם אידעשען נאציאנאלען געפיל, אז זיי שטייען גאר ווייט פון אידעשען נאציאן. זיי קוקען מיט א פעראכטונג אויף די אומגליקליכע ברידער, און ניט גענוג וואס זיי ווילען ניט העלפען און באטירען דעם אידען פון

דעם אומגליק, זוכען זיי נאך עם אונטערצודריקען זיי טראכטען אויס אללע שקרים און מאכען אויף עם בלבולים ווי אויף להכעיס, אבער דער קאנגרעס און די ציוניסטישע ארגאני-זאציע סטאראיעט זיך צוריק צו ברייננען די פיעלע פערפאלענע שעפעלאך, פיעלע אידען וואס זאגען שאן ווייט א וועק פאן אידעשען פאלק האבען אנגעהייבען צו בעטראכטען די אומגליקליכע לאגע פאן אידען זיי געמען שאן אויך א אנטהייל אין אונזערע ליידען און זיינען שאן בערייט צו פער-העלפען און מיט צו ארבייטען אין דער בעלעבונג פון אונזער פאלק דער שקל-צאלונג איז אנ'אמתר „קרבן צבור" א נאציאנאלנער שטייער, וואס יעדער איד דארף פרייוויליג ארויפלייגען אן צוואנג-און אן א בעזונדער אויספאדערונג, דארף יעדער אבצאלען-דעם קליינינקען „מס הלא׳מי" און ניט זיין נאר א נתבע ונותן, דאס הייסט צאלען דעם שקל נאר דאן ווען מען קומט און פאדערט פון אים און מען רייסט אים די פאלעס.

דורך דעם שקל קענען מיר אבהאלטען דעם קאנגרעס און יע גרעסער עס וועט זיין די צאל פון די שקלים-צאלערם האבען מיר מער דעלעגאטען אויפן קאנגרעס און אזוי ווערט פערשטארקט די קראפט און אחדות פון אידען דער שקל-קוויטונג איז א שיין א סווידעטעלסטווא, אז מען איז א ציוניסט; דאס איז א איד, וואס שטרעבט ווירקליך די אויפבעלעבונג פ ו ן צ י ו ן, און אין דעם שקלים-צאלען דארפען נעמען אנ'אנטייל אויך פרויען און קינדער ווייל אלע דארפען זיך משתתף זיין אנ'אנטהייל נעמען אין דער בעפרייאונג פון דעם יעצטיגען אידעשען טרויערדיגען מצב:

מיט איינעם ווארט עס דארף זיין א שקל לגלגלת פון





יעדען פערזאן א שטייער, פון יעדער יודישעם הארץ וואס פילט אין זיך די ליבע צו זיין אייגענעם פאלק, דארף מיט פערגניגען צו טראגען דעם שקל, מיט א הארצליכען געפיל און פערשטאנד; ווי פערצייטען צום „קרבן תמיד" אויך היינט קען נישט-קיין יחיד-קיין איינציגער מענש אליין רעטען די אידעשע וועלט-פראגע, דער יחיד קען נישט באטרעווען דעם גאנצען פאלק, און אים העלפען אין זיין אומגליק, ער מעג זיין אפילו דער גרעסטער מיליאנער, איז אים ניט מעגליך אויסצובעסערן די לאגע פון א גאנצען פאלק; אבער דאס גאנצע פאלק זעלבסט, אללע צוזאמען גרויס און קליין, ארעם און רייך, אללע אידען פון אומעטום, וואו נאר זיי זאגען, און וואו נאר זיי וואנען סיי פון די גרויסע פאלאצען-סייא פון די ארעמע קליינינקע הייזעליך, אללע זאלען זיך נעמען בייזאמען און ארבייטען אין א גלייכען אנטייל אין דער נאציאנאלנער בעוועגונג-דאן קען מען מאכען די גרויסע ריזען-ארבייט; נאר פון אלעמען בעזאמען מוס אביינקומען די געלד-קוועלע, די מאטעריאלישע מיטטעל אין די פאלקס-קאססען צום נוטץ פון פאלקס-בעוועגונגס-ארבייט, ווי פערצייטען אזוי אויך איצטער מוז די מיטעל קומען פון גאנצען פאלק און ווערען פערניצט צו די הילף אין נוטץ פון דעם גאנצען פאלק.

דער ציוניזמוס און זיין ערפאלג הייננט אב נאר אין דערפון ווי ווייט אונזערע ציוניסטען וועלען: זיין בערייט צו אפפערן זייער מיהע, זייער צייט און מיר דארפען ניט לייקענען אז ס'גיעבט נאך פיעלע ציוניסטען וואס צום בעוואונדערען און צום בעדויערען פערשטעהען זיי נאך ניט

די וויכטיגקייט פון דעם שקל-אָבצאָלונג, און צאָהלען נאָר ניט איין דעם שקל, אנדערע ציוניסטען לייגען דאס אָב אויף די שפּעטערע צייט כמעט ביז קורץ פאַר דעם קאָנגרעס און נאָך אנדערע גיעבט עס, וואָס אין הארצען זאָגען זיי איינשטימיג מיט די ציוניסטען און פריהען זיך מיט דעם געדאַנק, און מיט זיין ערפאָלג, אָבער זיי האַלטען עס ניט פאַר גייטיג צו צאָלען דעם שקל; די שקלים-הכנסה מוז מען דאָך אָבער האָבען כדי צו פיהרען די ציוניסטישע אַרבייט אום צו אָרגאַניזירען דעם אידעשען פאָלק און כדי צו מאַכען פעהיג צו ווערען צוריק אַ פאָלק אין זיין אייגען-לאַנד, אין ארץ ישראל; אויך צו אַגיטירען צווישען אַלע קלאַססען פון אידען און אויך בעקאַנט צו מאַכען צווישען די קריסטליכע וועלט ניט איינציגע מענשען פון פאָלק קענען שאַפען די מיטעל, ניט אַ טהייל פון פאָלק קען פיהרען די ציוניסטישע בעוועגונג, אויך דער איבעריגער עולם טאָרען ניט שטעהען פון-ווייטען און טאָרען ניט האַלטען פערמאַכט זייערע טאַשען, נאָר אַללע אידען פון אונזער פאָלק בעזאַמען דאַרפען מיט-העלפען בייטראָגען און שטיצען אונזער בעוועגונג.

## טהייערע ברידער!

איר דאַרפט זיך דער מאָנען בעצייטען אָבצאָלען דעם שקל איר דאַרפט זיך צו איילען בעצייטען צו ערפילען אייער פליכט, אייער חוב, איר דאַרפט זיך אַליין זעהן איינצאָלען דעם נאַציאָנאַלען שטייער, כדי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל חלילה ניט בלייבען שטעהען אין מיטין דער אַרבייט דורך דעם פעהלען פון די גייטיגע-געלד-קוועלען אונזערע ברידער זיינען





געוואָהנט צו געבען געלד אָבער נאָר דאַן ווען מען קומט און פאָדערט, קיינער טראַגט ניט אַ נדבה אַנטקעגען, ביים שקל-שטייער דאַרף דאָס אָבער זיין גאַנץ אַנדערש, דער שקל-אָבצאָל דאַרף ניט געטראַכט ווערען אַלס אַ לאַסט אַלס אַ משא, גראַדע אומגעקערט מיר דאַרפען דאָס אָבצאָלען מיט שטאָלץ און מיט גרויס פרייד.

דער פאָדושנער אָבצאָלונג „שקל לגלגלת" דאַרף ווערען אַ מנהג, אַ חק, ביי אידען, און דאָס דאַרף ווערען איין געוואָרצעלט אין דעם אידעשען הארצען, דער מנהג דאַרף איין געוויגען ווערען מיט די מילך פון די מוטטער, מיר טאָרען דאָס ניט האַלטען פאַר איין צדקה, וועלכע מען גיעבט, ווען מען וויל, נאָר דאָס דאַרף זיין בא אונז די גרעסטע מצוה, עס דאַרף זיין דער „שקל צאָלונג" אַ פפליכט אויף יעדער אידען אָן אַ אויסנאַמע.

## ברידער!

פערגעסט ניט אייער פאָלק, אייער היסטאָריע פון טויזענדער יאָר פון דרוק און צרות! פערגעסט ניט אייער פאָלק, וואָס האָפט און פערלאַנגט זיך אומצוקערען אין זיין היים קיין ארץ ישראל צוריק! פערגעסט ניט דעם הייליגען צוועק פון די ציוניסטען צוא בעקומען אַ זיכער היים וואָס זאָל זיין רעכט און גוט געוואָרענט פון אַללע מלוכות! קיינמאָל דאַרף אייך ניט מיאוס ווערען צו מאָנען דעם שקל, אַט דעם פערציג קאָפּיקענעם שקל, וואָס דאָס איז דאָך דער הויפט-פונדאַמענט, די ריכטיגע שוועלען פאַרן ציוניסטישען געדאַנקען אום צו בעקומען דאָס הייליגע לאַנד ארץ ישראל, פאַר דעם כלל ישראל.

איר טאָרט ניט פערלאָזען קיינע געלעגענהייטען איינצומאַ־

גען דעם שקל פון יעדען יודען, די הויפט—פיהער פערלאנגען נאך אויף אונז, אויף דעם פאלק, און מיר בארפען מיט די בעסטע און גרעסטע ענערגיע ארבייטען און זאמלען דעם שקל—צאלונג, איר טארט זיך ניט פערענטפערן און זאגען, אז די צייט ערלויבט ניט אייך צו שטיטצען און צו טהון פאר די ציוניסטישע בעוועגונג איר בארפט שטענדיג ניט פערגעסען, גוט גידיינקען אז ווען יעדער איד זאל צו לעגען נאר א ביסעלע מיהע, איז דאך די וואהרע האפפענונג מיט „גאטטעס הילף" אז מען וועט דאך פארט עטוואס אויפטהון פארן כלל ישראל.

די ציוניסטישע בעוועגונג איז א דעמאקראטישע בעוועגונג, אויף די ציוניסטישע קאנגרעסען נעמען אלע אידען א גלייכען אנטהייל און יעדער איד קען ווערען געוועהלט אלס דעלעגאט צום קאנגרעס יעדער איד יעדער קלאססע פון אידען האט דאס רעכט און די מעגליכקייט, צו האבען א געוויסע ווירקונג אויף דעם גאנג פון די בעוועגונג דורך די פערשידענע דעלעגאטען, און מיט דעם אבער וואס מיר האבען גלייכע רעכטע האבען מיר אויך גלייכע פליכטען, מיט איינעם ווארט דורך אפלייסיגע ארבייט, דורך דעם אפטליבען ערקלערען פאר דעם פאלק פון די וויכטיגקייט פון דעם „שקל—אבצאל" איז עס צו האפפען אז אלע אידען וועלען פון זיך זעלבסט צו איילען אבצוצאהלען דעם שקל.

געדענקט אבער ברידער!

טיכטיגע און פלייסיגע ארבייטער בארפען מיר אומעטום האבען.

מאהנט ברידער
פון יעדען אידען דעם שקל!

265161